געוועזן רבנים, כמעט אַלע קינדער און אייניקלעך זענען געוואָרן לובלינער חסידים.

איך גיב איבער פון רבנים, וועלכע זענען געוועזן ביי אונדז אין שטעטל און קינדער פון גניעוואַשאָווער יידן, וועלכע האָבן פאַרנומען רבנות־שטעלן אין אַנדערע שטעט.

גרעניצער רב ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געוועזן ר׳ משה לייזער, איינער פון די אָנגעזעענסטע למדנים, וועמענס למדנות איז געוועזן באַוווסט אין דער גאַנצער געגנט. מען האָט זיך צו אים געוואָנדן מיט פאַרשידענע שאלות. געוועזן באַוווסט אַלס גרויסער בקי אין ש״ס ופוסקים. ער איז נפטר געוואָרן אין דער ערשטער וועלט־קריג. זיין זון הרב שמואל־יצחק, אויך אַ גרויסער למדן, איז געוועזן רב אין זוואָלין נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אין גניעוואַשאָוו איז געוועזן רב פון פאַר דער ערשטער וועלט־קריג ביז נאָך איר, הרב ר׳ יעקב־לייב צוקער. ער האָט געשטאַמט פון רבנים, געוועזן זייער פרום. פאַר קיין ספּעציעלן גרויסן למדן האָט מען אים נישט געהאַלטן. נאָך דער ערשטער וועלט־קריג האָט גרעניץ אויפגענומען אַלס רב דעם איידעם פון גרעניצער רב, הרב יעקב־יצחק הכהן קלוגסבערג. אַ פרומער, אָפּגעהיטענער ייד, אַ ראַדזינער חסיד. דער לעצטער רב פון גניעוואַשאָוו איז אויפגענומען געוואָרן אין יאָר 1932 — הרב יהודה־לייב רייטער פון סקאַלע, גאַליציע. דאָס איז געוועזן נאָך עטלעכע יאָר מחלוקת צווישן גניעוואַשאָוו און גרעניץ. דער רב איז געוועזן אַ יונגער מענטש, געהאַט אַ פענאָמענאַלן זכרון, אַ סך געלערנט. די שטעטישע למדנים און די פרומע יידן האָבן פון אים שטאַרק געהאַלטן. דערצו האָט ער געהאַט אַ ידיעה אין וועלטלעכע ענינים, געקענט די יידישע און העברעישע ליטעראַטור און נישט דורכגעלאָזט דאָס לייענען די טעגלעכע פּרעסע. בקיצור — אַ געלערנטער, קלוגער מענטש.

גניעוואַשאָוו־גרעניץ האָט אויך אַרויסגעגעבן רבנים אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך. אין קראָקאָווער ראַבינאַט איז געוועזן אַ מיטגליד הרב ר׳ יידל לעווין, דער זון פון ר׳ לייביש קירע, גניעוואַשאָווער חזן און מוהל. מען האָט אים גערופן יידל אָסטראָווצער, ווייל ער איז געוועזן פון די אָנגעזעענסטע מקורבים פון אָסטראָווצער רבין. אין קראָקע האָט ער זיך גערעכנט פון די געציילטע למדנים און ווי איינער פון די אָנגעזעענסטע רבנים דאָרט.

אין וואָנוואָליץ איז נאָך דער ערשטער וועלט־קריג געוועזן רב — הרב



גניוושוב - ספר גניוושוב / ספר קהילה (עמוד 215) 34893 הודפס מאוצר החכמה

יהודה־לייב פרייבערג. מחבר פון אַ ספר. ער איז געבוירן אין גניעוואַשאָוו. ווער זיין פאָטער איז געווען — געדענק איך נישט. מען האָט געזאָגט, אַז אורי שמשס זון איז רב אין וואָנוואָליץ. אין תל־אביב וווינט זיינס אַ זון, הרב פרייבערג. ער געדענקט נישט ווי זיין זיידע האָט געהייסן. ער ווייסט נאָר, אַז אַ מעטריקע אַרויסנעמען האָט ער געמוזט פאָרן קיין גניעוואַשאָוו, ווייל דאָרט איז ער געווען פאַרשריבן. יידל אָסטראָווצער איז געווען מיט אים משפחה.

## העשל איידלמאַן — דער ערשטער אַפּיקורס

גערופן האָט מען אים הערשל יאַציק. פאַר וואָס אַזאַ נאָמען — ווייס איך נישט. אין שטעטל האָט יעדער געהאַט אַ צונאָמען, טיילמאָל — אויך אָן אַ פאַר־וואָס. געשטאַמט פון אַ דאָרף נישט ווייט פון אונדזער שטעטל. אין די יוגנט־יאָרן געווען אין וואַרשע. חתונה געהאַט מיט אַ מיידל פון גניעוואַשאָוו און פון נאָכן ערשטן וועלט־קריג געוווינט אין שטעטל. ער איז געווען פון מיטעלן וווּקס, אַ בלאָנד בערדל און געטראָגן די אַמאָליקע פויליש־יידישע קליידונג מיט אַ קיילעכיק יידיש היטעלע. נישט געווען קיין עם־הארץ, געקענט אַ בלעטל גמרא און געווען אַ ביסל באַקאַנט אין דער יידישער און העברעישער ליטעראַטור, געלייענט די „הצפירה". יעדן טאָג האָט ער געדאַווענט אין בית־המדרש. זיין אפּיקורסות איז באַשטאַנען אין נישט וועלן אָנטאָן אַ גאַרטל ביים דאַווענען. אַפילו ווען ער האָט געהאַט יאָרצייט און געדאַווענט פאַרן עמוד, האָט ער אויך נישט געוואָלט אָנטאָן קיין גאַרטל. ער האָט ממש הנאה געהאַט, ווען אַ חסיד, אָדער בית־המדרש בחור האָט אים געפרעגט: „הערשל, פאַר וואָס טראָגסטו נישט קיין גאַרטל?" דאָ האָט ער אויפגעלעבט און מיטן גאַנצן ברען אויפגעוויזן, הלמאי מען דאַרף נישט טראָגן קיין גאַרטל — און אָנגעהויבן אויך רעדן אַנדערע אפּיקורסישע רייד. פאַרשטייט זיך, אַז דער חסיד איז אַוועק מיט זיינס און הערשל איז געבליבן ביי זיינס. אַמערגסטן האָט אָפּגעשניטן ביי הערשלן אַ חסיד, אָדער גלאַט אַ פּרומאַק, וואָס איז דערצו געווען אַן עם־הארץ, וועלכער האָט אים געפרעגט וועגן ענין גאַרטל. הערשל האָט אים אַריינגעזאָגט, אַז נאָך אַזאַ שמועס האָט שוין דער פרעגער פאַרזאָגט זיינע קינדער און קינדס־קינדער נישט אָנהייבן מיט אַן אַפּיקורס. די בית־המדרש בחורים, וועלכע זענען שוין געווען אַ ביסל „געכאַפּט", האָבן הנאה געהאַט פון די דיסקוסיעס און ווערטלעך.

אַזוי האָט אויסגעזען דער ערשטער גנעוואַשאָווער אפּיקורס.



גניוושוב - ספר גניוושוב / ספר קהילה 34893 (עמוד 216) הודפס מאוצר החכמה